ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳ | **פרשת שלה** | שנת תשע"א

**ויקרא משה להושע בן נון יהושע:** בתרגום יונתן בן עוזיאל וכד חמא משה ענותנותי׳ קרא שמו יהושע. דארף מען פארשטיין ווי קומט אהער דאס עניוות פון יהושע בן נון.

זאגט דער **אור חדש** (סוף מס׳ פסחים) לויט די גמרא אין מס׳ סוטה (דף ל"ד ע"ב) אז משה רבינו האט אים גערופן יהושע, אלס א תפילה **י-ה יושיעך מעצת מרגלים.** לכאורה אין פר׳ כי תשא ברענגט דער **רמב"ן** בשם **האבן עזרא** אז ביים עגל איז יהושע אלט געווען 56 יאר, קומט אויס עס איז שוין געווען עברו רוב שנותיו, ווייל ער האט סך הכל געלעבט הונדערט צען יאר, און די גמרא זאגט דאך (יומא ל"ח ע"ב) אז ווען עס גייט אריבער ביי א מענטש רוב שנותיו און ער האט נישט געזינדיגט וועט ער מער נישט זינדיגן, אויב אזוי פארוואס האט משה רבינו געדארפט מתפלל זיין אויף איהם?

נאר אין מס׳ תענית (דף ג׳ ע"א) זאגט די גמרא אז די מענטשן וואס שטארבן פאר די צייט גיט מען אוועק זייערע יארן פאר א תלמיד חכם וואס האלט זיך קליין און איז א מעביר על מידותיו.

לויט דעם פארשטייט מען פארוואס משה רבינו האט מתפלל געווען אויף יהושע, ווייל זעהנדיג אז ער איז א ת"ח און א עניו, האט ער פארשטאנען אז ער קען לעבן פיל לענגער ווי זיינע באשערטע יארן, ממילא קען זיין אז עס איז נאכנישט עברו רוב שנותיו, וועגן דעם האט ער מתפלל געווען אויף איהם.

*

**והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ והימים ימי ביכורי ענבים:** לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז א נפקא מינה צום ענין אז עס זענען געווען דעמאלטס ימי ביכורי ענבים?

ענטפערט **הגה"ק רבי יודא אסאד זצ"ל** אז דער חזקוני פרעגט א קשיא פארוואס שטייט **ולקחתם** מפרי הארץ, און נישט **והבאתם** וואס טייטשט עטס זאלט ברענגען, ענטפערט ער אז **והבאתם** מיינט אז מ'זאל ברענגען מיט געוואלד, משא"כ **ולקחתם** מיינט נעמען מיט געלט, און משה רבינו האט נישט געוואלט אז זיי זאלן נעמען מיט געוואלד ווייל גזל עכו"ם איז אסור, וועגן דעם האט ער געזאגט א לשון **ולקחתם** אז מ'זאל באצאלן.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האבן די מרגלים נישט געטארט נעמען פון די פירות פון ארץ ישראל, מיר פסק'ענען דאך ארץ ישראל מוחזקת מאבותינו, און דאס לאנד באלאנגט שוין פאר אידישע קינדער פון די צייטן פון אברהם אבינו, אויב אזוי פארוואס האט מען נישט געטארט נהנה זיין פון די פירות. איז דער תירוץ אז כאטש די קרקע באלאנגט שוין פאר אידישע קינדער, אבער די פירות נישט, וועגן דעם האט מען גערארפט באצאלן פאר די פירות.

אבער, די הלכה איז נאר שייך ביי פארטיגע פירות וואס דארפן מער נישט צוקומען צו יונק זיין פון דער ערד, משא"כ פירות וואס זענען נאך יונק פון די ערד האבן א דין ווי קרקע, און דאס וואלטן די מרגלים ווען געמעגט נעמען אומבאצאלט.

דאס זאגט דער פסוק **ולקחתם מפרי הארץ,** מ'זאל נעמען באופן פון א לקיחה ד.ה. באצאלט מיט געלט, איי פארוואס קען מען נישט נעמען מדין ארץ ישראל מוחזקת לנו מאבותינו? ענטפערט דער פסוק **והימים ימי ביכורי ענבים,** די פירות זענען שוין געווען געצייטיגט, ממילא האבן זיי שוין נישט יונק געווען פון די קרקע און דאס האט נאכנישט באלאנגט פאר די אידן.

*

**אפס כי עז העם היושב בארץ והערים בצורות גדולות מאד:** זאגט רש"י בצורות, תרגומו כריכן, לשון בירניות עגולות. לכאורה דארף מען פארשטיין וואס האבן די מרגלים געמיינט מיט דעם וואס זיי האבן געזאגט אז עס זענען דא ברניות עגולות רינדיגע פאלאצן?

ענטפערט **הגה"ק רבי שלמה קלוגער זצ"ל** אין ספר **גבורות שלמה** מיט דעם וואס חז"ל זאגן אז נגעי בתים איז א בשורה טובה פאר אידישע קינדער ווייל די אמוריים האבן באהאלטן אוצרות מיט געלד אין די ווענט פון זייערע הייזער, און דורכן נגע האט מען צעווארפן די הייזער און מ'האט געטראפן די אוצרות.

אין מס׳ **נגעים** (פי"ב מ"א) זאגט די משנה אז א רינדיגע הויז וואס האט נישט קיין עקן איז נישט מטמא.

מיט דעם פארשטייט מען פארוואס די מרגלים האבן געזאגט אז דאס לאנד האט רינדיגע פאלאצן, ווייל זיי האבן מיט דעם געוואלט אפרעדן אידישע קינדער אז זיי וועלן נישט טרעפן די אוצרות וואס די אמוריים האבן באהאלטן ווייל אלעס ליגט אין רינדיגע הייזער וואו עס גייט נישט אן די הלכות פון נגעי בתים.

> **החזק הוא הרפה המעט הוא אם רב**
>
> זאגט **הרה"ק רבי משה סאווראנער זי"ע** אז דער **זוהר הקדוש** זאגט **מאן דזעיר איהו רב ומאן דרב איהו זעיר,** אז ווער עס האלט זיך קליין ער איז באמת גרויס, און ווער עס האלט זיך גרויס ער איז באמת קליין.
>
> דאס זאגט דער פסוק **החזק הוא,** ווער עס איז שטארק און ער מיינט ביי זיך אז ער האלט שוין ביי שלימות אין עבודת ה׳, איז א סימן אז **הוא הרפה,** ער איז נאך זייער שוואך און ווייט פון צו זיין א אמת'ער ערליכער איד. אויב אבער **המעט הוא,** ער האלט זיך קליין און ווייניג אין עבודת ה׳, **אם רב,** איז דאס א סימן אז ער איז באמת זייער גרויס און חשוב.

# אוצר הידיעות

## מידותיו של משה רבינו ע"ה

אין ספר **אור פני משה** (ריש פר' חוקת) ברענגט ער אראפ די מעשה אז עס איז געווען א קעניג וואס האט געהערט פון אלע ניסים וואס משרע"ה האט געמאכט, און דער מלך איז געווען א בקי בחכמת הפרצוף, האט ער געשיקט א מעלער אין מדבר אז ער זאל אפמאלן די צורה פון משה רבינו ע"ה. דער מעלער הכאט געברענגט צום מלך א בילד פון משה רבינו איז דער מלך נתפעל געווארן צו זעהן אויף דעם בילד אז משרע"ה איז ר"ל א בעל מידות רעות עד אין לשער, און ער האט געזעהן אויף דעם בילד אלע שלעכטע מידות וואס עס קען נאר זיין אויף די וועלט.

דער מלך האט פארשטאנען אז דער מעלער האט אים אויסגע'נאר'ט האט ער אים גע'הרג'עט און ער האט געהייסן אז א צווייטער מעלער זאל גיין אפמאלן דאס בילד פון משה רבינו, דער צווייטער האט אבער אהערגעשטעלט די זעלבע בילד. דער מעלער האט מורא געהאט אז מ'וועט אים אויך הרג'ענען איז ער צוגעיאנגען צו משה רבינו און ער האט אים געבעטן אז ער זאל אים ערקלערן ווי אזוי עס קען זיין אז זיין צורה זאגט פון זיך אז ער האט זייער שלעכטע מידות און נאטורן.

האט אים משה רבינו געענטפערט "אדרבא, דאס איז די גרעסטע גבורה פון א מענטש, אז ער ווערט געבוירן מיט שווערע און שלעכטע נאטורן, ער האט מידות רעות און מגונות, און ער צוברעכט אלע זיינע טבעיות, און ער ארבעט אויס זיין יצר הרע אז ער זאל נאר זיין כולו טוב, דאס איז דער גרעסטער מדריגה צו וואס א מענטש קען זוכה זיין אויף די וועלט". ע"כ.

אין ספה"ק **דגל מחנה אפרים** (פר' כי תשא) ברענגט די מעשה בשם דעם הייליגן בעש"ט זי"ע. די מעשה איז שטארק באקאנט געווארן ווען דער **תפארת ישראל** האט געדרוקט זיין פירוש אויפן משניות, און ער האט דאס אריינגעדרוקט אין סוף מס' קידושין באריכות גדול.

אין קונטרס **כליל תפארת** (י"ל בשנת תרנ"ה בירושלים עיה"ק ע"י הגה"צ רבי יצחק אהרן ז"ל המגיד מוויקאמיר) איז מבואר באריכות מיט שטארקע ראיות אז די מעשה קען נישט זיין אמת מחמת כמה טעמים, און ער איז מבאר אז עס איז אפיקורסות ר"ל צו גלייבן אזא זאך אויף משה רבינו. און ער שרייבט אז עס איז א חיוב אויסצומעקן די מעשה פון אלע ספרים ווי דאס ווערט געברענגט.

צווישן אנדערע ברענגט ער בשם הגה"ק מהרי"ל דיסקין זי"ע אז די מעשה קען נישט זיין אמת ווייל גוים האבן נישט געקענט אריינקומען אין די ענני הכבוד, און אפילו יתרו האט קוים געקענט אריינקומען, און ווי אזוי האט דא געקענט אריינקומען עטליכע מעלער? נאך פרעגט ער עס שטייט דאך אין פסוק אז מ'האט נישט געקענט קוקן אין די הייליגע צורה פון משה רבינו, וועגן דעם האט ער געדארפט אנטון א מסוה, ווי אזוי האבן די גוים געקענט אפמאלן משה רבינו'ס צורה? נאך איז שווער, ווי אזוי איז מעגליך אז די צייכנעס אויפן פנים האבן זיך נישט געטוישט ווען משה רבינו האט געטוישט זיינע מידות, און ער האט ראיות אז די צייכענעס דארפן זיך טויטשן ווען די מידות ווערן געטוישט? בפרט אויף משה רבינו ע"ה זאגט דאך דער פסוק ותרא אותו כי טוב באלד ביים געבוירן איז ער שוין געווען הייליג?

למעשה זעהט מען אז די מעשה ווערט יא געברענגט אין אסאך ספרים פון תלמידי הבעש"ט הק' זי"ע, ווי **בת עין, קדושת לוי, ישמח משה, ייטב לב, רב טוב, ברך משה** (פר' תצוה) און אלע ברענגען ארויס די נקודה אז עס איז נישט קיין כבוד פאר א מענטש אז ער איז געבוירן מיט מידות טובות, נאר אדרבא, דער כבוד איז אויב ווערט מען געבוירן מיט מידות מגונות און מ'ארבעט זיך אויס די מידות רעות צו מידות טובות.

עס איז כדאי צו צוברענגען וואס עס שטייט אין ספה"ק **תולדות יעקב יוסף** (פר' ויחי) א דבר נפלא וואס קען פארענטפערן אסאך פון די קשיות, אז משה רבינו האט נישט געוואלט גיין צו פרעה זאגנדיג אז ער איז א כבד פה, ווייל מיר ווייסן אז הלשון קולמוס הלב, דער צונג איז עדות אויפן הארץ, און פון דעם וואס משה רבינו האט געזעהן אז ער רעדט שווער האט ער פארשטאנען אז זיין הארץ איז נאכנישט ריין פון די שלעכטע מידות, און וועגן דעם האט ער געהאלטן אז ער איז נישט ראוי צו גיין צו פרעה. האט אים דער אייבערשטער געזאגט אז אדרבא, זיין הארץ איז שוין לאנג ריין פון די אמאליגע שלעכטע נאטורן, נאר ער איז דוקא געבליבן א כבד פה כדי ער זאל זיין א מוסר השכל פאר אידישע קינדער, אז ער האט געהאט שלעכטע טבעיות און מיט א גרויסע עבודה האט ער זיך אויסגעארבעט.

# אוצר רבותינו

## וראיתם אותו וזכרתם

פעם אחת ביקר **הרה"ק רבי שניאור זלמן זצ"ל בעל התניא** אצל **הרה"ק רבי פינחס מקאריץ זצ"ל**, ואמר הרה"ק מקאריץ ששבע שנים עבד על עצמו שיכיר מה הוא שקר, ושוב עבד שבע שנים שירחיק את השקר, ורק אחר כך התחיל לעבוד על עצמו להכיר את האמת.

אמר לו בעל התניא, שדרך זו הוא דרך קשה מאד, וזה שייך רק למלאכים וליחידי סגולה, אולם אני סובר שקודם צריך לעבוד לקנות מידת האמת, ואח"כ להרחיק את השקר.

ואמר הרה"ק רבי פינחס מאוסטילא ששני הדרכים מרומזים בפרשה זו, דכתיב וראיתם אותו וזכרתם, ורק אחר כך כתיב ולא תתורו, לרמז על דרכו של הרה"ק בעל התניא זי"ע שיש לעבוד קודם על עשה טוב ואח"כ על סור מרע. ואילו דרכו של הרה"ק מקאריץ ג"כ מרומז בפרשה זו, כי אחרי מצות ולא תתורו כתיב למען תזכרו ועשיתם, היינו שרק אחרי שכבר עקרו הסור מרע יכולים לקיים תורה ומצוות כראוי. ומהאי טעמא איתא בתרגום יותן ותהוון קדישין כמלאכיא, כי הדרך של רבי פינחס זהו שייך למלאכים.

# יגעת ומצאת

די וואך וועלן מיר אי"ה לערנען די "יגעת ומצאת" איבער איינע פון די גרויסע גדולי ישראל וואס זיין יארצייט געפאלט אויס היינט ערב שב"ק פר' שלח.

הרב הקדוש רבי שלום אליעזר האלבערשטאם זצוק"ל איז געווען א זון פון מרן הרב הקדוש רבינו? אב"ד? בעמח"ס, ער איז געבוירן געווארן אין יאר, און ער איז נסתלק געווארן, אלט זייענדיג. ער איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק ר', אן איידעם ביי. ער האט געוואוינט און געפירט זיין הויף אין די שטאט, זייענדיג דער איינציגסטער צאנזער קינד וועלכער האט געוואוינט אין מדינת. זיינע הייליגע ברודער זענען געווען (6). זיינע זון (2) זיינע איידימעיר (3) ווי אזוי איז דער רבי מרן הברך משה זי"ע צוויי מאל א אייניקל פון דברי חיים זי"ע.

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' בהעלתך

א. בחודש סיון תשכ"ז היה מלחמה כבידה בין הציונים לג' מדינות בשכינותם, ובמשך ששה ימים הצליחו הציונים לכבוש שטחים גדולים שנצטרפו לשטח מדינתם, ביניהם גם מקומות הק'.

ב. הדבר גרם לבלבול החומות כאילו ח"ו נעשה ניסים לרשעים, וכאילו הרשעים הללו הביאו טובה לכלל ישראל, ומה"ט אמר רביה"ק זי"ע ה"שלש סעודות" תורות בהסברה ישרה שח"ו להתפס בהפראפעגאנדע של הציונים.

ג. רבינו אסר אז לילך לכותל המערבי, ובספה"ק על הגאולה ועל התמורה כתב כמה וכמה טעמים באיסור הענין.

ד. מדברות קודש אלו נתחבר ספר "על הגאולה ועל התמורה" שרבינו ביאר בהקדמת הספר, שע"י אמירת שהשי"ת עושה נסים לרשעים ממירים ישועתן של ישראל וגאולת משיח צדקינו ר"ל.

ה. רבינו מוחה נגד הפראפעגאנדע של קיום מצות תפילין שהיה תוצאה מה'התעוררות' של כיבוש הכותל, ורבינו כותב כמה טעמים בגנות הדבר.

ו. ספה"ק על הגאולה יש לה קכ"ח סימנים.